

צוויי באַרימטע לעמבערגער רבנים: (רעכטס) ר׳ אריי׳ ליב ברוידע און (לינקס) ר׳ צבי אורענשטיין

באַרימט. ר׳ יעקב יהושע האָט זייער יונג חתונה געהאַט מיט דעם לעמבערגער גביר׳ס טאָכטער ר׳ שלמה לאנדא און כאָטש זייער יונג, האָט ער תיכף שוין אָנגעפירט מיט אַן אייגענע ישיבה אין לעמבערג, זיין לערנען איז געווען קלאָר אָן הויכע פלפולים. און ער האָט אין לעמבערג שוין אָנגעפאַנגען צו פאַרשרייבן זיינע חידושים אויף ש״ס. און כאָטש ער איז געווען זייער יונג, איז ער דאָרט אויך נתמנה געוואָרן אַלס פרנס, צו אַכטונג געבן אויף אַלע רביים פון די תלמוד תורה׳ס, ווי אַזוי זיי זאָלן לערנען מיט די קינדער אויף אַ הויכן סטאַנדאַרט פון תורה.

נאָכן פני יהושע האָט פאַרנומען דאָס רבנות אין לעמבערג הגאון ר׳ חיים ב״ר שמחה הכהן ראַפּאַפּאָרט, און זוכה געווען צו זיין אין לעמבערג 30 יאָר. ר׳ חיים הכהן איז געווען פאַררעכנט אין זיין צייט אַלס גאון הגאונים, און פון אַלע לענדער האָט מען זיך צו אים געוואָנדן מיט שאלות ותשובות. אין יאָר תקי״ט [1759] האָט ער זיך געמוזט שטעלן צו אַ וויכוח מיט דער רשע יעקב פראַנק ימ״ש כדי צו באַשיצן דעם תלמוד. (אויך דער בעש״ט האָט דאַן אַנטייל גענומען צוזאַמען מיט אַ גרויסע דעלעגאַציע פון 40 רבנים פון גאַנץ פוילן). און ר׳ חיים הכהן האָט פאַרענטפערט אַלע זיינע טענות מיט גרויס פקחות. פראַנק איז אַרויס פון דעם וויכוח אַ באַזיגטער. ר׳ חיים הכהן האָט אויך פיל מיט געאַרבעט אין ועד ארבע ארצות. זיינע תשובות זיינען געדרוקט אין שו״ת ר׳ חיים כהן. ער איז נפטר געוואָרן אין י״ג תמוז תקל״א.

אין תקט״ו איז געוואָרן דער רב פון לעמבערג הגאון ר׳ מאיר ב״ר צבי הירש מרגליות, געוועזענער רב פון יאסלאוויץ, וועלכער איז געווען אַ תלמיד מובהק פון בעש״ט הק׳ און וועמען ער דערמאָנט אים אין זיין ספר שו״ת ״מאיר נתיבים״. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ן. אין יענער צייט איז אויך אָנגעקומען אַלס רב דער עמוד ההוראה, באַקאַנט שפּעטער ווי דער בעל ״פרי מגדים״ אויף ״שולחן ערוך״, הגאון ר׳ יוסף ב״ר מאיר תאומים. ער האָט זיך אַלס אינגל געהאָדעוועט אין לעמבערג, און מחבר געווען זיין ספר ״ראש יוסף״ אויף מס׳ חולין. שפּעטער קומט ער אָן אַלס חבר אין דעם ״בית המדרש״ פון ר׳ דניאל יפה אין בערלין, וואו ער פאַרענדיגט דאָרטן זיינע ספרים ״פרי מגדים״. פון דאָרטן קומט ער אָן אין לעמבערג וואו ער פאַרנעמט דעם אָרט פון זיין פאָטער אַלס מגיד מישרים און דיין אין בית מדרש הגדול פון חוץ לעיר. אויך זיין צדקות איז געווען מפורסם און אויפ׳ן וואַנט פון זיין חדר איז געווען אָנגעשריבן, מיט גרויסע ווערטער ״שויתי ד׳ לנגדי תמיד״. 7 יאָר איז ער געווען רב אין לעמבערג, און שפּעטער אב״ד פון פראַנקפורט־דאודר. ער האָט מחבר געווען פיל ספרים וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין פיל תפוצות ישראל מיט דער אַנערקענונג אַלס דער פוסק אחרון.

ווען דער ״פרי מגדים״ האָט פאַרלאָזט לעמבערג, זענען אָנגעקומען אַלס רבנים די גאונים, ר׳ צבי הירש ראזאניס, מחבר פון ספר ״תשע שיטות״, און הגאון ר׳ יצחק ב״ר אשכנזי מחבר פון ספר ׳טהרת הקודש׳ על מס׳ זבחים ומנחות. נאָך דער פטירה פון הגאון ר׳ צבי הירש ראָזאניש, איז אָנגעקומען אַלס אב״ד פון לעמבערג הגאון ר׳ יעקב משולם אורנשטיין, באַקאַנט אַלס דער בעל ״ישועות יעקב״. 35 יאָר איז ער געווען אב״ד פון לעמבערג וואו ער האָט געפירט זיין נשיאות ברמה און מיט פייער באַקעמפט די משכילים וואָס האָבן גענומען פאַרשפּרייטן זייער השכלה.

## הגאון ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן

נאָך זיין פטירה זיינען אָנגעקומען קיין לעמבערג די גאונים ר׳ יוסף שאול ב״ר אריי׳ ליב הלוי נאַטאַנזאָן, און זיין שוואָגער ר׳ מרדכי זאב ב״ר יצחק אהרן סג״ל איטינגא. זיי האָבן צוזאַמען אַרויסגעגעבן דעם מפרשי הים אויף דעם ספר ים התלמוד אויף מס׳ בבא קמא. ר׳ מרדכי איז געווען מפורסם דורך זיין ספר ״שו״ת מאמר מרדכי״ און איז געווען רב אויף זיין פאָטערס אָרט הר״ר יצחק אהרן הלוי.

הגאון ר׳ יוסף שאול איז געבוירן געוואָרן אין בערזאַן און געוואָרן דער איידעם פון הגאון ר׳ יצחק אהרן הלוי איטינגא פון לעמבערג. אין תרי״ז [1857] איז ער געוואָרן אב״ד פון לעמבערג, און געוואָרן וועלט־באַרימט דורך זיינע 5 ריזיגע חלקים ״שו״ת שואל ומשיב״, וואו ער האָט געענטפערט תשובות צו אַלע גדולי הדור. ער איז אויך באַקאַנט מיט זיין ספר הגהות יד שאול אויף די אַרבעה חלקי שו״ע און נאָך פיל ספרים. ער האָט דערצו געגעבן איבער 300 הסכמות אויף ספרי גאונים פון זיין צייט. ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָנ׳ס גייסטיקע הנהגה האָט געלייגט אַ גרויסן חותם אויף לעמבערג, באַזונדערס מיט זיין קאַמף קעגן די משכילים. ווען דער קיסר פראַנץ יאָזעף האָט אין יאָר 1861 דערלויבט דאָס עפענען אַ משכילישן סעמינאַר פאַר רבנים, האָט ר׳ יוסף שאול געקעמפט ווי אַ לייב קעגן עפענען אַזאַ סעמינאַר, און דער סעמינאַר איז טאַקע ניט געעפנט געוואָרן.

ער איז אויך געווען דער איניציאַטאָר און העלפער צו בויען פילע בתי־כנסת אין שטאָט. ווי אויך פיל בתי מדרשים פון בעלי מלאכות. כדאי דאָ צו דערמאָנען אַ ריי בתי מדרשים וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך זיין השפעה. דאָס בית המדרש ״קובע עתים לתורה״; ״קצרו לפי חסד״, אַ שול פאַר סוחרים; דעם בית הכנסת פון ״די שמוקלאַרעס״ פאַר בעלי מלאכות [אין אָט דער שול האָט הגאון ר׳ מאיר שאפירא געזאָגט אין שפּעטערדיגע יאָרן 6 חדשים שיעורים אין רמב״ם אין יאָר 1921, פאַר אַ קבוצה פון צעירי אגודת ישראל]; דער בית הכנסת ״נושאי כתף״ פאַר טרעגערס; די שול ״מלאכת חנוך״ פאַר די שוסטערס א.א. דעם גאון׳ס פאַרשפּרייטן תורה און חסד איז געווען מיט אַ מקל נועם און האָט פיל בייגעטראָגן דערצו אַז לעמבערג איז געוואָרן אַן עיר ואם בישראל פול מיט תורה. זיין פטירה איז באַקלאָגט געוואָרן בכל תפוצות ישראל. אויף זיין מצבה איז געשריבן ״מכל קצוי ארץ בקשו תורה מפיו. ספריו המה בניו״.

## הגאון רצ״ה אָרענשטיין און די ״מחזיקי הדת״

נאָך הגאון ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן איז געוואָרן דער אב״ד פון לעמבערג הגאון ר׳ צבי הירש אָרענשטיין, דער אייניקל פון הגאון ר׳ יעקב משולם אָרענשטיין דער בעל ״ישועות יעקב״. אויך ער איז געווען באַוואוסט אַלס גרויסער גאון, אַ ״סיני ועוקר הרים״, און געווען באַליבט ביי אַלע אידן פון לעמבערג.

אין זיין צייט האָט זיך אין לעמבערג גאָר שטאַרק צעפלאַקערט דער קאַמף קעגן די פורצי גדר און ס׳איז געשאַפן געוואָרן די באַוועגונג ״מחזיקי הדת״ צום קאַמף קעגן די רעפאָרמער וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין לעמבערג און זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין גאַנץ גאַליציע. די רעפאָרמער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען ״שומר ישראל״ און פאַרשטאַרקט זייערע טעטיקייטן פון רעפאָרם. זיי האָבן גענומען שאַפן מאָדערנע שולעס און אין מעמאָראַנדומס צו דער רעגירונג געהעצט קעגן די חדרים און תלמוד תורה׳ס. אין אַ ווענדונג צום קייזערליכן מיניסטעריום אין ווין האָבן זיי ווידעראַמאָל באַנייט דעם פּראָיעקט פון גרינדן אַ ״ראַבינער סעמינאַר״, און פאָרגעשלאָגן דאָס איינפירן פון אַלערליי אַנדערע רעפאָרמען.

די גרינדער פון ״שומר ישראל״ האָבן גענומען אַרויסגעבן אַ צייטונג ״דער איזראַעליט״ (האַלב אין אַ גאַליציאַנישן דייטש און האַלב אין עכטן דייטש) אין וועלכן זיי האָבן אָפּגעלאַכט פון דעם לעבנס־שטייגער פון די פרומע אידן, פון זייער לבוש, פון זייער חינוך און פון דער ״הבדלה בין ישראל לעמים״. די אַרבעט פון די משכילים און רעפאָרמער האָט גענומען אונטערגראָבן דאָס אידישקייט צווישן די מאַסן, און בכדי זיך צו פאַרטיידיקן קעגן זייערע אַטאַקעס האָט זיך אין יאָר תרל״ח (1878) געגרינדעט אין לעמבערג די חברה ״מחזיקי הדת״ וואָס בראש פון איר זיינען געשטאַנען דער גאון אב״ד לבוב, רבי צבי הירש אָרענשטיין; הגאון רבי שמעון סופר אב״ד קראקא און הגאון ר׳ יצחק איטינגא, לבוב. אַ פירנדע ראָלע אין דער אָרגאַניזירונג פון די ״מחזיקי הדת״ האָט געשפּילט דער בעלזער רבי אדמו״ר ר׳ יהושע זצ״ל. די ״מחזיקי הדת״ האָט אויך גענומען אַרויסגעבן אַן אייגענע צייטונג מיטן ציל צו באַקעמפן די משכילים און רעפאָרמער פון דער ״שומר ישראל״ און זייער צייטונג וועלכע איז געווען איינע פון די ערשטע אָרטאָדאָקסיע צייטשריפטן, האָט געטראָגן דעם נאָמען ״מחזיקי הדת״ און פאַר אַ צייט ״קול מחזיקי הדת״ און איז טאַקע דערשינען אין לעמבערג.

די ״מחזיקי הדת״ האָט מיט דער צייט באַוויזן צו פאַראייניגן אין זיך 237 קהילות און דער קראָקעווער רב ר׳ שמעון סופר איז אַ דאַנק דער ״מחזיקי הדת״ דערוויילט געוואָרן אַלס פאָרשטייער צום עסטרייכערישן פאַרלאַמענט. דאָס אויסקלייבן דעם גאון פון קראָקע אַלס פאָרשטייער אין פאַרלאַמענט האָט געשטאַרקט די ״מחזיקי הדת״ און דאָס גאַנצע אָרטאָדאָקסישע אידנטום אין גאַליציע. אין משך פון די יאָרן זענען אין לעמבערג, אָפּגעהאַלטן געוואָרן מערערע אסיפות און קאָנפערענצן פון רבנים און אָרטאָדאָקסישע פרנסים פון דער ״מחזיקי הדת״.

## הג״ר יצחק איטינגא און דער ״בית יצחק״

נאָך זיין פטירה איז אָנגענומען געוואָרן אַלס רב און אב״ד הגאון ר׳ יצחק אהרן ב״ר מרדכי זאב הלוי איטינגא (וועלכער איז שוין אין זיין יוגענט מפורסם געוואָרן מיט זיין ספר תשובות מהרי״א הלוי און ווי דער נשיא פון ״כולל גאַליציע למען עניי ארץ ישראל״). אַן אוראייניקל פון הגאון יהודה ליב איטינגא וואָס איז אויך געווען אב״ד ור״מ. נאָך אים איז אָנגעקומען ברוב פאַר